בס"ד

# המספיק

# "קעיר עט האום"

## וועיווער פאר קינדער וואס פאדערן אינטענסיווע הילף אין שטוב צוליב פיזישע דיסעביליטי

יעדע קינד איז בארעכטיגט צו וואוינען ביי די עלטערן אין שטוב, באקומען די בעסטע העלט קעיר און געניסן פון שענסטן צוקונפט אין לעבן

### וואס מיינט "וועיווער"?

די פעדעראלע רעגירונג "לאזט נאך" (Waived) געוויסע רעגולאציעס און פארשריפטן צו געבן פאר געוויסע נויטיגע בירגער פארגעשריטענע סערוויסעס וואס ווערן נישט געגעבן פאר די אלגעמיינע באפעל־קערונג. אין אונזער פאל, ווערט דער Care at Home פראגראם אנגעפירט דורך די סטעיט העלט דעפארטמענט, אלס א זעלטענע "מעדיקעיד" הילף פראגראמען וואס איז אויטאריזירט דורך די פעדעראלע רעגירונג פאר קינדער וועלכע זענען נישט בארעכטיגט צו געוועונליכע "מעדיקעיד".

### ווער קען געניסן פון דעם פראגראם?

המספיק האט אהערגעשטעלט דעם "קעיר עט האום" פראגראם פאר קינדער וועלכע האבן פיזישע דיסעביליטיס (פון געבורט אדער א שפעטערדיגע אומגליק, צב"ש א קאר עקסידענט) וועלכע פאדערן אינטענסיווע אנגייענדע הילף אויפ'ן שטאפל פון א נוירסינג האום, אבער זיי זענען נישט בארעכטיגט צו "מעדיקעיד" צוליב הויכע פאמיליע פארדינסטן אדער פארמעגן.

### דער ציל פון "קעיר עט האום"?

משפחות מיט בעסערע פארדינסטן זאלן באקומען די נויטיגע הילף פאר א קינד מיט ערנסטע פיזישע שוועריגקייטן ער/זי זאל קענען בלייבן אינדערהיים און דארט באקומען די בעסטע מעדיצינישע הילף, נוירסינג קעיר, טעראפי, און אויך די עלטערן זאלן באקומען נויטיגע הילף אין שטוב צו קענען אקאמאדירן זייער קינד'ס העלט קעיר געברויכן אין א באקוועמע און רואיגע אטמאספערע.

### צו באקומען דעם פראגראם מוז מען:

- וואוינען אין ניו יארק סטעיט
- האבן געווען אין שפיטאל 4 וואכן (אויפאמאל אדער אויסגעשפרייט צווישן 90 טאג)
- זיין אונטער 18 יאר אלט
- "נישט" זיין בארעכטיגט צו מעדיקעיד
- זיין דיאגנאזירט מיט דיסעביליטי
- זיין אנגעוויזן אויף נוירסינג קעיר און
- זיין מעגליך צו וואוינען אינדערהיים

### וועלכע הילף און סערוויסעס באקומט מען?

- ***נוירסינג קעיר*** – דאס קינד איז בארעכטיגט צו א נוירס, אין שטוב, ביז מאקסימום 18 שעה אין טאג.
- ***מעדיקל סופלייס*** – אלע נויטיגע מעדיקל סופלייס און עקוויפמענט, סיי לאנג־טערמיניגע און סיי דיספאזעבל, אפילו וואס "מעדיקעיד" צאלט נישט געוועונליך.
- ***סערוויס קאארדינעישאן*** – המספיק דעזיגנירט א "סערוויס קאארדינעיטאר" וואס שטייט אין שפיץ פונעם אינדיווידואלן קעיס און ערלעדיגט די מאקסימום הילף לטובת דעם קינד און עלטערן, מיט פאראנטווארטליכקייט אז אלעס זאל ווערן אויסגעפירט צום שענסטן און בעסטן, אלע צייטן, אונטער אלע אומשטענדן.
- ***נויטיגע רענאוואציעס*** – איבערבויען וואס איז נויטיג אין שטוב און אין קאר צו אקאמאדירן די ספעציעלע געברויכן פונעם קינד (ווי ווילטשעיר רעמפ, ספעציעלע וועניטי און ביה"כ, אד"ג).
- ***רעספיט*** – הילף איבערצונעמען דעם קינד'ס קעיר אויף קורצע צייטן, אז די עלטערן זאלן האבן רואיגע מנוחה און שעפן פרישע כוחות.
- ***אנדערע זאכן*** – אז א קינד'ס וואוילזיין פאדערט נאך דירעקטע אויסגאבן, ווי טראנספארטאציע צו דאקטוירים און קליניקס, קען דאס געדעקט ווערן אינעם מאנאטליכן וועיווער בודזשעט, לויט געצוימטע פארשריפטן.

**פאר אינפארמאציע איבער**

**"קעיר עט האום" רופט**

## המספיק

**מרס. פרייזלער תחי'**

**קעיר עט האום קאארדינעיטאר**

(845) 356-8400

Ext. 210

# HAMASPIK

# Care at Home

A Medicaid Waiver Program for
Children with Physical Disabilities
Requiring Skilled Nursing Care
(CAH Waiver I & II)

*"Every Child Has the Right To
Live at Home with Parents,
Receive Quality Nursing Care, and
The Promise of a Bright Future"*

## WHAT IS A WAIVER?

The federal government "waives" certain rules enabling New York to select a portion of the population to receive specialized services not available to all Medicaid recipients.

## WHAT IS CARE AT HOME?

Hamaspik has developed "Care at Home" to provide a cost affective, community based, alternative to placement in a hospital or nursing facility, specifically for families who are ineligible for Medicaid due to high income and/or resources. This program provides comprehensive individualized help to enable families bring home their physically disabled child from a hospital or nursing home.

## ELIGIBILITY

*The CAH Waiver applicant must:*

1. Be under 18 years of age,
2. Reside in New York State,
3. Have had a 30-day hospital stay (continuous or within a 90 day period),
4. Be ineligible for Medicaid,
5. Be physically disabled (per SSI reg.),
6. Need a nursing "level of care", and
7. Choose and be able to live at home.

## SERVICES AVAILABLE

Families determined eligible for Care at Home are provided any or all of the services below, based on a personalized budget/needs plan.

- *Nursing* – provides a skilled nurse in the child's residence for up to 18 hours per day.
- *Service Coordination* – A Hamaspik staff coordinator is designated as the child's service coordinator to identify eligible resources and services, implement and maintain them, and advocate on the child's behalf.
- *Environmental Modification* – provides for renovations in the child's residence, as well as one parent-owned vehicle to promote independence and ensure safety.
- *Respite* – provides short term relief to parents and care-givers.
- *Medical Equipment and Supplies* – provides durable and non-durable equipment as needed.

For More Information about the
Care at Home program, contact:

**Hamaspik**

Mrs. Preisler
CAH Waiver Coordinator
(845) 356-8400
Ext. 210